STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02883

FARZIKH

Zalman Shazar

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן שזר / פאַרזיך

די גאָלדענע קייט

פּופּציק נומערירטע עקזעמפּלאַרן
זײַנען געחתמעט פֿונעם מחבר

זלמן שזר

פֿאַרזיך

לידער

פֿאַרלאַג די גאָלדענע קייט

תל־אָבֿיבֿ 1972

זלמן שזר. פֿאַרזיך

לידער

פֿאַרלאַג די גאָלדענע קייט. תּל־אָבֿיבֿ. ישׂראל

ZALMAN SHAZAR

FARSICH

POEMS

Published by DI GOLDENE KEYT

Printed in Israel 1972 נדפס בישראל

אחדות דפוס אופסט ובלט בע"מ, תל־אביב

א

*

פֿינקלט רויט אויף ווײַס און בלוי,
בוי און הײט און הײט און בוי.
ווײַס דער זאַמד און בלוי דער שטראַנד,
רויט דער שטורעמווינט אין לאַנד.

ווײַס די ווײַטקייט, הויך און ברייט,
ערגעץ שטייט אַ וועכטער גרייט;
בלוי דער הימל, ווײַס די שאָף,
זיי אין ריי און גלייב און האָף.

בלוי זײַן העמדל, רויט איר קלייד,
שטראַלט אַרוים פֿון אויג די פֿרייד.
זײַט געטרײַ און שטייט צוזאַמען —
ס׳קומט אַ שיף אויף בלויע ימען.

זון פֿאַרגייט פֿון בלוי אין רויט,
ערגעץ פֿאַלט אַ וועכטער טויט...
פֿינקלט רויט אויף ווײַס און בלוי, —
בוי און הײט און הײט און בוי.

יגור, 1936

אין שליחות

אַ תּפילה פון מתּתיהו אַשכּנזי בלאָך, דעם משולח פון שבתי־צבֿי

„אחר זאת עשה (שבתי צבי) שלוחים
שילכו בכל קהלות הגולה להודיע טבעו
בעולם ולהבטיח ממלכתו בקרב כל
ישראל"

תורת הקנאות, עמ' 24

א

איך וויים נאָך ניט ווּהין, צו וועמען
איך האָב מײַן אָנזאָג מיטגעבראַכט,
ווער וועט אים מיט דאָרשט פֿאַרנעמען
און ווער מיט פֿײַנדשאַפֿט און פֿאַרדאַכט.
ס'איז אומבאַקאַנט מיר פֿאָלק און לאַנד,
און קליין מײַן זכות און שוואַך מײַן האַנט.
בלויז זײַן שליחות פֿלאַמט אין מיר
און איך געדענק און הער און שפּיר:
אַ גערעַנגל איז איצט דאָרט
צווישן אויסלייזונג און שאַנד,
און יעדער הארץ איז אַ געוויין
און יעדער טאָג אַ יום־הדין
און אונדזער עולם איז צעשפּרייט
און אונדזער זאַמלקראַפֿט איז: רייד.
אָ, העלף מיר, גאָט, אין יעדן אָרט
און בענטש מײַן וואָרט.

ב

דו אַליין האָסט דאָך געֶרעדט שוין קלאָר
אין צייכנס גרויזאַמע און דײַטלעכע ביז גאָר,
אין שחיטות בלוטיקע, אין ימען טרערן,
אַזוי אַז שטיינער זאָלן אויך דערהערן...
דו האָסט כמעלניצקים שווערד אַ צי געטאָן פֿון שייד,
אויף קהילות הייליקע אַ לאָז געטאָן דעם טויט.
דו האָסט אַ צינד געטאָן די זון פֿון גליק
און אויסגעלאָשן זי אין אויגנבליק...
אַז דער פֿאַרבלענדיקטסטער און רויִקסטער אין דור
זאָל אויך דערזען פֿאַר זיך זײַן אָפּגרונט קלאָר,
און זאָל די קללה פֿון זײַן הפֿקרקייט דערהערן
און אַ פֿאַרציטערטער אויף אייביק ווערן.
און אַ ווײַל האָט זיך געדאַכט,
עס האָט דערשפּירט דאָס פֿאָלק און זיך פֿאַרטראַכט
און האָט זיך אָנגעברייט...
דו האָסט אַ רגעלע נאָר אָפּגעטאָן דײַן צאָרן —
און אַלץ איז ווידער שוין געוואָרן
ווי געוועזן.
אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט געשען...

ג

בלויז פֿאַראיינצלטע און היים געטרײַע
אין קהילות עלטערע און קהילות נײַע,
געלײַטערטע אין פּײַן און צו נסיונות גרייטע,
איבער אַלע גלותן צעשפּרייטע
האָבן דערהערט
וואָס מאָנט אין זיי דײַן שטימע און באַשווערט.
האָבן זיי דײַן בשורה טיף פֿאַרנומען
און געקומען...
שײַנט דאָרט איצטער זייער ליכט
אויפֿן שוועל פֿון דײַן געריכט.
גאָט דו גרויסער, גאָט געטרײַער,
העלף מיר איצט פֿון זייער פֿײַער
אויפֿצופֿאַנגען כאָטש איין פֿונק
צו צינדן אַלט און צינדן יונג,
און ווי ער ברענט נאָך, לויכט און גליט —
צעטראָגן אים פֿון ייִד צו ייִד,
פֿון האַרץ צו האַרץ, פֿון אָרט צו אָרט.
אָ, העלף מיר, גאָט, און בענטש מײַן וואָרט.

ד

און גיב מיר כּוח אויך דאָס ערגסטע צו דערציילן,
ניט פֿאַרשענערן און ניט פֿאַרהוילן:
אויפֿן שוועל פֿון לעצטן גליק
געשטאַרקט האָט זיך דער ס״ם צוריק,
און עס העלפֿן אים געטרײַ
פֿרעמדס און אייגנס, אַלט און נײַ:
אי פּרנסים, אי רבנים,
אי פֿאַררעטער, אי נאַראָנים,
אי די מאַכט פֿון יאַניטשאַר,
אַלע, אַלע קעגן האַר.
און ווײ איז מיר, און ווינד און ווײ,
עס קלינגען קייטן שווערע צוויי
אויף זײַנע בײדע שײנע הענט.
דאָס אויג זײַנס לויכט, דאָס וואָרט זײַנס ברענט,
און קייטן, קייטן אויף די הענט — —
אַלץ דערציילן, ניט פֿאַרהוילן,
אַז דערשפּירן זאָלן זיי
ווי די שלאַכט איז שווער אַזוי.

ה

און אויב איך האָב עס ניט פֿאַרדינט,
ווײַל מײַן האַרץ איז פֿול מיט זינד
און אויב דײַן שטראָף איז מיר באַשערט —
שטראָף מיך, גאָט, ווי איך בין ווערט.
אָבער — שפּעטער, ניט אַצינד!
איצט איז ניט קיין צײַט פֿאַר דין.
אין געפֿאַר איז דײַן משיח,
איך בין איצטער זײַן שליח,
איצטער העלף מיר ווי איך בין...
און אומעטום, וווּהין איך קום
און ייִדן זאַמלען זיך אַרום,
אָ, העלף מיר דאָרט, אין יעדן אָרט,
און זײַ מיט מיר און בענטש מײַן וואָרט.

אויפֿן שיף קיין ניו־יאָרק, 1932

אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון פּליטים

א

איך בין צו אײַך פֿון היים געשיקט —
דאָס איז אַלץ וואָס זאָגט מײַן בליק.
ייִדן, היימלאָזע פֿון גאָר דער וועלט,
ס׳איז גרייט בײַ אונדז פֿאַר אײַך ס׳געצעלט.
ס׳איז אָרעם דאָס געצעלט און שוואַך
און ס׳שטייט נאָך אַלץ אַ פֿרעמדע וואַך
בײַם אײַנגאַנג גלײַך.
און אפֿשר פּירט אַ שטעג געהיים...
ס׳איז אָבער היים.
ס׳איז אַלט די היים און יונג און נײַ,
און איז אײַך אַלעמען געטרײַ —
און וועט זײַן פֿרײַ!

ב

דאָס זאָג איך אַלץ און זאָג עס שטום.
עס זיצן פּליטים בלויז אַרום,
יעדער איינציקער — אַ נס.
פֿון ווײַטן קוקט מײַן שטאָט — אַ מת.
אַנטרונענע — איר ווייסט וווּהין?
עס שטעכן בליקן אָן אַ זין.
לויטער יונג איז דאָס געזינד,
קיין איינער אַלט, קיין איינציק קינד,
איך וויים וואָרום...
איך קוק און שטום...

ג

ביז איך צערייד זיך מיט אַ מאָל —
ערגערט מיך מײַן אייגן קול:
ווי קלינגט עס איצט ווי אַלע מאָל!?
פֿאַר וואָס צעזינגט זיך ניט די וווּנד
וואָס פֿלאַמט אין האַרץ און הערט ניט אויף?
פֿאַר וואָס צעשטראַלט זיך ניט די פֿרייד
אויף דעם געראַטעוועטן גוף?
פֿאַר וואָס בלויז רייד, פֿאַר וואָס בלויז רייד!?
צערייצט מיך איצט מײַן אייגן וואָרט.
ווי וואָגט עס זײַן ניט מער ווי וואָרט?
ווי מעג איך רעדעם ריידן בלויז
פֿאַרן לעצטן שפּור פֿון אונדזער הויז ———

שטאָקהאָלם, 1945

אין די לאַגערן פֿון שוועדן

א

ערגעץ ווו, אין ווײַטן צפֿון,
האָב איך אַ רויִק לאַנד געטראָפֿן,
אַ לאַנד אָן ליידן, אַ לאַנד פֿון פֿריידן,
אַ לאַנד אַזאַ, וואָס רופֿט זיך שוועדן.
ווײַל קיין קריג ניט, כמעט אָן ייִדן,
לעבט זיך זאַט און לעבט צופֿרידן,
אַזוי ווי ניט אין אונדזער דור...
פּלוצלינג גאָר פֿון קרעמאַטאָר
האָט עס אַ פֿלייץ געטאָן מיט ייִדן:
ייִדן — ווייטיק, ייִדן — וווּנדער,
וווּנדן פֿלאַמיקע ווי צונטער,
גלײַך פֿון קאַלכאויוון אַרונטער.
ווימלט איצט פֿון נס און ליידן
אין די לאַגערן פֿון שוועדן...

ב

געווען אַ מאָל איז לעטלאַנד, ליטע,
קהילות, וואָס איז דאָ צו ריידן? —
איצטער בלויז אַ הײַפֿל פּליטים
אין אַ קלויסטערשול אין שוועדן.
פּליטים? ניין, כּמעט געציילטע,
מערסטנס, פֿרויען אויסדערווײילטע,
געווײילט צו פײַן, געווײילט צו חן,
לויטער שיינקייט, איין־אין־איין,
ווי איינער אָפּגעקליבן האָט
די שענסטע טעכטער פֿון אַ שטאָט,
אויסגעזוכטע, אָפּגעהיטע —
דענקמעלער
פֿאַר לעטלאַנד, ליטע.

ג

דערציילט מיר איינע, דערציילן צען:
— עס גלייבט זיך קוים אַז ס׳איז מיר געשען.
— אויף קני געשטאַנען אַ גאַנץ מעת-לעת,
ווײַל בײַם ציילן, על-פּי-נס,
האָט אַ חבֿרטע געפֿעלט.
— פֿינף און צוואַנציק שמיץ באַקומען,
ווײַל אַ קאַרטאָפֿל אַרויסגענומען
ווען דער הונגער האָט געקוועלט.
— מיט טויטע קערפּערס אָפּגעלעגן
אַ גאַנצע נאַכט, אין זומפּ, אין רעגן.
— כ׳האָב אין רינשטאָק שפּײַז געקליבן,
געגעסן גראָז און פֿוילע ריבן.
— מאַלע וואָס ס׳איז אַלץ געשען.

דערציילט מיר איינע, דערציילן צען.

ד

דערציילט מיר איינע, דערציילן צען:
— ווײ איז מיר וואָס כ'האָב אַלץ געזען:
געזען מײַן בעסטע פֿרײַנדין קניט
אַנידער טויט, האַרט נעבן מיר —
און ניט אַ ציטער מיט קיין גליד
און ניט קיין ריר.

— געהערט מײַן קאָלעזשאַנקע שרײַט —
און שטום געלעגן בײַ דער זײַט.

— געזען מײַן שוועסטערל, מײַן קליינס,
אַ ברילאַנטעלע אַ שיינס,
ווערט פֿאַרשלעפּט פֿון אַ באַנדיט,
און כ'בין ניט נאָכגעלאָפֿן, ניט.
כ'האָב אַ זעץ באַקומען און געשוויגן...
בעסער וואָלט איך שטומערהייט
דאָרט אויף אייביק בלײַבן ליגן.

ה

— וואָלט עס סתם אַ מזל־זאַך געווען
וואָלט איך דאָך מײַן טאַטעשי געזען.
ווי זשע איז עס צו דערקלערן,
אַז געראַטעוועט צו ווערן
האָב באַוויזן איך אַליין?
טויזנט זײַנען מיר געווען
אין עשאַלאָן, בײַם אָנהייב גיין,
צוזאַמען זײַנען מיר געגאַנגען,
בלויז איך איינע בין דערגאַנגען.
ווער דערשאָסן, ווער פֿאַרנומען,
ווער פֿון טיפֿוס אומגעקומען,
ווער פֿון הונגער, ווער פֿון קעלט,
און ווער אַוועק אין קרעמאַטאָריע ———

הײַנט ווו איז דאָ אַזאַ טעאָריע
וואָס זאָל מיר געבן צו פֿאַרשטיין,
פֿאַר וואָס פֿון טויזנט נאָר איך אַליין
בין געבליבן אויף דער וועלט?
סײַדן בלויז,
ווײַל דער זכות פֿון טאַטעשי איז גרויס.

ו

— און מיך האָט מענגעלע אַליין
אויסגעקליבן גלײַך צו גיין
פֿינף מאָל נאָך אַנאַנד
צום טויט.
און ווער קאָן וויסן, ווען וועמעס האַנט
ס'האָט מיך געראַטעוועט אין נויט?
איין מאָל האָט ער געציילט צו צען,
בין איך די צענטע גראָד געווען,
האָב איך מײַן קאָפּ אין בעט פֿאַרשטעקט,
איז מײַן חבֿרטע אַוועק...
איין מאָל האָט ער מיך פּראָסט פֿאַרזען
אין סאַמע רעכטן מיטן ברען.
און איין מאָל בין איך נאַקעטערהייט
פֿון קרעמאַטאָריע־הויף אַנטלאָפֿן;
און איין מאָל האָב איך מײַן אייגענעם טויט
אויף אַן אמתן פֿאַרשלאָפֿן.
אויפֿגעכאַפּט זיך, ערשט מען שיסט שוין
אינעם וועלדל האַרט דערנעבן.
בין איך שוין געבליבן לעבן.

מילא, בעסער און געשײַטער
פֿרעגן אײַך: וואָס וועט זײַן ווײַטער?

ז

— און רביִים האָט ער דען געשוינט?
ביַי אונדז האָט אַ הייליקער צדיק געוווינט,
זיבן זין האָט ער געהאַט,
וויל־געלערנט, פֿרום ביז גאָר,
האָט דער צורר אַקוראַט
זיי געשטעלט צום קרעמאַטאָר —
ייִדן אין גאַזאויוון צו טריַיבן.
גאַנצע דריַי חדשים לאַנג
האָבן זיי געדינט דעם שלאַנג.
און מיט רבייסקע, פֿיַינע הענט
אַן עדה חסידים אַליין פֿאַרברענט,
ביז צום סוף פֿונעם טראַנספּאָרט.
נאָך דעם האָט מען אויך זיי פֿאַרלענדט —
אַלע זיבן אויף איין אָרט...

ח

— און אונדזער אייגענע בלאָקאָווע
פֿון טשעכיי, פֿון ספּאַסקאַ נאָוואַ,
אוי, איז זי געווען אַ חיה!
דעם גאַנצן קריג אין שטייג פֿאַרשלאָסן,
האָט זי איצטער אויסגעגאָסן
דעם צאָרן אירן אויף אונדז, די נייע.
אָפּט אַליין פֿון דייטש פֿאַרשמיסן,
האָט זי פּאַסן פֿון אונדז געריסן,
צי פֿון יִיאוש, צי פֿון קינאה.
ווייס דער טייוול, וועלכע שׂינאה
ס'האָט זי צום ווילדעווען געטראָגן?
האָט זי געשלאָגן! האָט זי געשלאָגן!
לעבט זי נאָך? צי אומגעקומען?
מעג עס איר אַנטקעגנקומען!

ט

— און מיר, מאַנסבילן פֿון פּוילן,
וואָס זשע זאָלן מיר דערציילן?
ווי דערלעבט מען שוין פֿאַרגעסן,
אי פּאָליאַקן, אי עס־עסן,
אי ציווילע, מיליטערע,
אַלע, אַלע איין כאָלערע!
גלײַכע חיות אַלע שׂונאים.
איינער האָט אונדז אויסגעראָטן
און דער אַנדערער אין שאָטן
איז געשטאַנען און געקוואָלן.
סײַדן גאָט וועט די גזלנים
איטלעכן אַליין באַצאָלן! — —
בעסער, קענט איר אפֿשר ראָטן,
ווי האַלט עס פֿאָרט מיט סערטיפֿיקאַטן?!

י

פֿרעגט עס איינער, פֿרעגן אַלע,
אַלע לאַגערן איין שאלה:
— ווי האַלט עס מיט סערטיפֿיקאַטן?
און די שאלה האָט אַ מעלה,
זי רופֿט צום לעבן, וועקט צו טאַטן.
— אין תּל־אָבֿיבֿ, ירושלים,
לעבן קרובֿים, פֿרײַנד געטרײַע,
וועט מען אָנהייבן פֿון נײַעם.
— בלויז עס פֿעלט נאָר דער אַדרעס.
— אָבער, ארץ, ניט פֿאַרגעס!
יעדן איינציקן געדענק,
און ווער ניט מיד, און בענג און בענג!
— אָ, ווי בענקט מען שוין אין פֿריידן
אַהיים די היימלאָזע פֿון שוועדן?!

שטאָקהאָלם, נאָוועמבער 1945

רבונו של עולם, ניט קוק אויף מײַן צלם...

אַ שפּאָגל־נײַע תּחינה /
אויסגעהערט פֿון אַ יונגער פֿרוי /
און פֿאַרצייכנט כּמעט געטרײַ

און יעדן פֿרימאָרגן
בײַם אָנטאָן דעם צלם,
זאָגט זי שטיל און פֿאַרבאָרגן:

רבונו של עולם,
גאָטעניו ליבער,
דו קוקסט דאָך אַריבער
פֿון הימל דעם הויכן
און זעסט אומעטום.
ווייסט דו דאָך, געטרײַער,
ווי דו ביסט מיר טײַער,
נאָר ווי גרויס איז דער פֿײַער
וואָס ברענט איצט אַרום...

רבונו של עולם,
פֿאַרגיב מיר מײַן צלם!
דו האָסט דאָך רחמנות
אויף יעטוועדן זינדער,
און קענסט די סכּנות
אַרום דײַנע קינדער
און לייענסט כּוונות
פֿון יעדן באַזונדער,

טאָ האָב זשע רחמנות
אויף מיר אויך אַצונדער.

דו קוקסט דאָך אין הערצער,
ווייסט דו מײַן געמיט,
און ווען כ׳טו וואָס מען טאָר ניט
ווייסט דו אַז ס׳איז גאָרניט,
דו ווייסט און פֿאַרשטייסט
אַז איך קען אַנדערש ניט...

רבונו של עולם,
דו איינציקער, ליבער,
„אַז מען קען ניט אַריבער —
מוז מען אַרונטער״,
פֿלעגט אַמאָליקע יאָרן
מיר זאָגן מײַן מאַמע,
וואָס איז איצט געוואָרן
מיט מײַן מאַן צוזאַמען
אין אוישוויץ פֿאַרברענט.
ניין, גאָטעניו מײַנער,
איך האָב ניט קיין טענה,
ווײַל אַנדערש מסתּמא
האָסטו אויך ניט געקענט.
טאָ מישפּט אויך מיך ניט
לויט דײַן דין דעם האַרבן,

און ראַטעווע איצטער
כאַטש מיך פֿון פֿאַרדאַרבן — —
און קני איך אין קלויסטער
מיט שכנים אין איינעם,
זײַ דו, גאָט, מײַן טרייסטער
און הער צו מײַן וויינען.

אָ, גאָטעניו ליבער,
אָ, טאַטעניו גוטער,
פֿאַרנעם דו מײַן תּפֿילה
אויך דאָרטן אַפֿילו,
און שיק מיר אַריבער
פֿון ערגעץ אַ נס.

רבונו של עולם,
ניט קוק אויף מײַן צלם,
ניט קוק און פֿאַרגעס.
דו לייענסט אין הערצער,
נו, ווייסטו און זעסט,
רבונו של עולם,
רבונו של עולם!

פּאַריז, 1946

שמחנו...

שמחנו כימות עניתנו
שנות ראינו רעה
תהלים

גיב אונדז, גאָט, אַזוי פֿיל פֿרייד
ווי רײַך דו האָסט געשיקט אונדז לייד,
און באַלויכט אונדזער פֿרײַהייט אַזוי יום־טובֿדיק שיין
ווי ס׳איז איצטער ביטער דער גלות אַליין.

לייק סוקסעס, 19טן נאָוועמבער 1947

דער נײַער מאַראַנען־סדר

לזכר נשמת אחי אַברהם ז״ל

ס׳איז וואָכעדיק מײַן חדר
און חמצדיק מײַן טיש,
ריכט איך אָפּ מײַן סדר,
מערקט עס קיינער נישט.
ריכט איך אָפּ מײַן סדר
שטומערהייט, אַליין,
מאַכט פּסחדיק מײַן חדר
אַ גלעזעלע מיט כריין...

שוויַיג איך די הגדה
מיט חשק און התמדה,
שרײַט מײַן שוויַיגן העכער
פֿונעם העכסטן שאַל.
קוק איך צו „עבֿדים״,
רײַסט זיך אָפּ מײַן פֿאָדעם,
טרינק איך אויס מײַן בעכער
אָנגעפֿילט מיט גאַל.

דערמאָן איך זיך און דרשע:
געוועזן אַמאָל ערשט אַ וואַרשע...
קומט מיר גאָר צו חלום
אַ בריוו פֿון תּל־אָבֿיבֿ,
דרשן איך און דרשע
אַנדערש גאָר די פּרשה,
קומט מיר גאָר צו חלום
אַ זעגל מיט אַ שיף...

ווערט יום־טובֿדיק מײַן חדר
און פּסחדיק מײַן טיש,
צעזינג איך זיך בײַם סדר,
הערט עס קיינער נישט.
צעזינג איך זיך נאָך העכער:
„דיינו" און „לחיים",
הייב איך שטום מײַן בעכער:
„לשנה הבאה בירושלים"!

ניו־יאָרק, אױפֿן דריטן סדר 1954

*

בין איך געגאַנגען
פֿון אומעט געפֿאַנגען,
געגאַנגען געפֿאַנגען
אין רויש פֿון פֿאַרלאַנגען.

בין איך געגאַנגען
דער שׂימחה אַנטקעגן,
איז טרויער געהאַנגען
אויף אַלערליי וועגן.

בין איך געגאַנגען
פֿון אומעט געטריבן:
פֿון אַלע פֿאַרלאַנגען
איז טרויער געבליבן.

פּאַריז, 8טן אויגוסט 1954

*

זיץ איך אין געזעמל
ווי אויף אַ לוויה,
לעשט זיך אוים אַ פֿלעמל
יעדער מאָל אַ נײַער.

פֿלעמלען זיי אין האַרצן,
לויכטן אין זכּרון.
איז אַ נײַער פֿלעמל
ערגעץ ווו געבאָרן?

זוך איך אין מײַן דרעמל
און דערזע ניט נײַע.
שטום איך אין געזעמל
ווי אויף אַ לוויה.

א׳ אדר, 1953

אין די סיני־טעג

טראָגט זיך איצט ווידער, פֿון האַרץ ווי פֿון סידור,
אַ תּפֿילה אַ שטילע, איינציק און ריין:
ה׳ עוז לעמו יתן.
גאָט זאָל ישׂראל איצט כּוח פֿאַרשאַפֿן,
כּוח אין ווילן און כּוח אין וואָפֿן,
און שטאַרקייט אין אַחדות, סײַ אַלט און סײַ נײַ,
אי פֿרומע, אי פֿרײַע — אַלע געטרײַ!
און ליבע זאָל פֿליסן פֿון האַרץ ווי אַ שטראָם
בײַ יעטוועדן ייִדן באשר הוא שם,
וה׳ יברך את עמו בשלום.

פּאַריז, 21סטן נאָוועמבער 1955

פֿאַר נאַכט אין ירושלים

אין מיטן הימל שטייט אַ בוים —
שטייט ער בלוי פֿאַרצויגן,
ווערט גרינער דאָס בלוי און בלויער דאָס גרין,
אַ בלוילעכע בלייכקייט פֿאַרשפּרייט זיך דין־דין.
ווערט שאָטנדיק טונקל, פֿאַרוואָלקנט דער בוים,
אַ פֿינצטערע שטילקייט צעגיסט זיך געהיים,
ווערט קילקייט אין שטילקייט מיט סודות פֿאַרטראַכט,
פֿאַלט צו די נאַכט...

ירושלים, ניסן תשי״ח

אין שבֿי ציון

שרייַט אַ שטורעמדיקער ים
אויף אַ שווייַגנדיקער נאַכט,
שרייַט דער ים — אַזש פֿייַערפֿלאַם,
שווייַגט פֿאַרטראַכט די נאַכט און וואַכט...
ווערט דער ים צערייצטער, ווילדער,
הערט די נאַכט נאָך שטילער, מילדער.

ליג איך וואַך און הער זיי ביידן,
הער איר שווייַגן, הער זייַן ריידן.
קלינגט זייַן שטימע פֿרעך און פֿרעכער,
זינגט איר שטילקייט פֿייַנער, העכער.

כּט סיון, תּש״ד

אַ שעה פֿון רו

שפּילט דער ים אַ פֿריילעכס אויף
אין רעכטן מיטן יאָמער.
שפּרינגען כוואַליעס אין געלויף,
שפּריצן פֿרייד אַראָפּ, אַרויף,
צעשטראַלט זיך העל די זון, און שנעל
אַ הוליע — און ניטאָ מער.

זיץ איך דאָ אַ קנאַפּע שעה,
און גיי אַוועק אַ נײַער.
בלײַבן צרות ווי געווען,
אָבער ס׳האַרץ איז פֿרײַער...

תל־אָבֿיבֿ, תשכ״ב

פֿאַרשטערטער יום־טובֿ

אײדער ס'װערט העַנט,
האָט זיך װידער כּנרת געפֿעדערט פֿאַר טאָג,
איר פֿאַרשלאָפֿענער פּנים דערלאַנגט זיך אַ יאָג,
איר זױם, אַ פֿאַרשטיפֿטער, האָט װידער פֿאַרלאַנג
צו שפּילן װי נעכטן דעם מאָרגן־געזאַנג.
שװאַנען געבונדענע פֿלײַסן זיך שנעל
דערלאַנגען צום הימל װאָס װערט איצטער העל,
כװאַליעלעך־עופֿעלעך שפּרינגען בײַ ברעגן,
פּלוצלינג שטײַגט אױף איצט די זון זײ אַנטקעגן.
האָבן רוקנס פֿון װאַסער זיך גאָלדיק צעשײַנט —
ס'הײבט אָן װערן הײַנט.
האָט זיך גרױזאַם פֿון הימל אַ װאָלקן באַװיזן,
פֿאַרשלונגען די זון און די גלאַנציקע שפּיזן,
האָט מער שױן כּנרת דעם טאָג ניט באַגערט.
ס'האָט די כמאַרע, די בײזע, דעם יום־טובֿ פֿאַרשטערט.

טבֿריה, 4טן אַפּריל 1966

אין טאָל פֿון הימאַלײַ

קאַטמאַנדו,
דו ביסט דו,
אין גאַנצן דו,
פֿאַרטאָן אין זיך...
און איך בין איך.
קום איך אויך
פֿון הויכער הייך
און טראָג דיר רו.
אויך דו
זאָג רו
מיר צו.
קאַטמאַנדו!

און אין טאָל פֿון הימאַלײַ,
פֿול אָרעמקייט און געצערײַ,
שטיי אונדז בײַ
פֿון דאָס נײַ,
גאָט פֿון סיני!

קאַטמאַנדו, 17טן מאַרץ 1966

*

יאָגט זיך מײַן פֿרײַנד נאָכן שאָטן פֿון זינד,
ווי אַ קינד.
לויפֿט און אַנטלויפֿט און פֿאַרלירט און געפֿינט —
בלינד.
ווײס ער געווים, אַז ער יאָגט זיך נאָך ווינט
וואָס פֿאַרשווינדט,
נאָר ס'ציט אים ס'געיעג נאָכן שאָטן פֿון זינד,
ווי אין חלום
פֿאַרשפּינט.

ציריך, 23סטן אויגוסט 1953

יִדישע אויגן

יִדישע אויגן מיט דאַנקשאַפֿט פֿאַרצויגן,
איך האָב אײַך דערקענט צווישן טויזנטער אויגן.
זיי פֿינקלען אַנטקעגן פֿון אַלערליי וועגן,
מאַמישע, מיידלשע, קינדישע אויגן.
און פֿון עלטערע יִדן מיט אַן אָנבליק אַ מידן,
וואָס געדענקען און בענקען און גאַפֿן צופֿרידן,
און פֿון יונגוואַרג צעהיצטע, וואָס שלינגען דעם שײַן —
אַלע, אַ אַלע, געבענטשט זאָלט איר זײַן!

און אויך אויגן פֿאַרגרויטע,
שוין יאָרן פֿאַרגויטע,
פֿאַרפֿרעמדטע, פֿאַרשעמטע,
באַרוישט און פֿאַרחידושט,
אויך איר זעט מיר אוים דאָ
פֿאַריונגט און פֿאַריִדישט.
און אַפֿילו אין גאַנצן אָן גלויבן, אָן לשון,
צעצינדט זיך, צעצינדט זיך און ווערט ניט פֿאַרלאָשן!

ייִדישע אויגן, צו טרייַשאַפּט דערצויגן,
היט אָפּ אייַער גלאַנץ און פאַרטיפט אייַער פראַכט,
פאַר אייַך איז דער נס
פונעם כּבוד פאַרטראַכט.
גליט אין אים העלער און וואַקסט אין אים דרייסטער.
געלויבט איז ישׂראל וואָס קען זייַן אייַך אַ טרייסטער!
דערפרייטע, געגרייטע, געדענקט: אחישנה.
נחמו־נחמו און הלואי ותחזינה!

אין די גאַסן פון מאָנטעווידעאָ, ח׳ תּמוז תּשכ״ו

קער איך זיך אום
פֿון מײַן פּײַן אַ באַגליקטער...
מיר האָט זיך באַוויזן
מײַן יורש פֿון ריזן —
אַ דעמב אַ צעפּליקטער,
וואָס פּלאַטערט אין שטורעם,
באַזונט פֿון יסורים,
צעבלוטיקט און שטום.

אין פֿאַריתומטן שווײַגן,
קראַכן אוראַלטע צווײַגן,
וואָס עס ברעכט זיי און שינדט
פֿון זײַן קערפּער דער ווינט.
די אין ליבשאַפֿט געהיטע, —
אשר טפּחתי ורביתי, —
פֿאַרשוועכט און באַשמוציקט
פֿאַרשווינדן געשווינד.

צאַפּלט נאַקעט-פֿאַרטראַכטער
מײַן דעמב דער פֿאַרלאַכטער.
ס'פֿעלן צווײַגן? ס'פֿוילט אַ שורש?
דאָך פֿון ריזן אַ יורש!
וואָס בלוטיק-געבוקטער,
אַלץ האַרציקער צוקט ער,
און דערהייבט זיך אין שטורעם
ווי פֿון האָפֿענונג אַ טורעם...

תמוז תשכ"ב, אין עראָפּלאַן

פֿאָטער פֿון ישׂראל

גרויסער גאָט, דו פֿאָטער פֿון ישׂראל,
העלף מיר בלויז ניט ווערן נתפּעל
פֿון די שטרויכלונגען פֿון די געטרײַע,
און שטענדיק געדענקען זייערע געהויבענע מעלות
די אַלטע און די נײַע.
און טאָמער אַפֿילו
זאָל איך ניט דערגרייכן
צו וואָס מען מוז שטרעבן,
האַלט מיך, גאָט, אויף מײַנע אייגענע הייכן.
און זאָל דאָס זײַן דײַן צייכן,
אַז כּל־זמן איך וועל לעבן
זאָל איך ניט אַרײַנפֿאַלן, חלילה,
אין קטנות המוחין.

1951

ב

צו אַ פֿרײַנד

דעם דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער
צום דערשײַנען פֿון „אין פֿײַער־וואָגן"

אַ האַרציקן דאַנק
פֿאַר וואָרט און קלאַנג
און פֿאַרן בילדלעכן געדאַנק,
וואָס אין מרכּבֿהדיק געזאַנג
האָט זיך געטראָגן
און דערטראָגן
אין אַ הייסן „פֿײַער־וואָגן"
אַזש פֿון צער פֿון פּאָנאַר,
און פֿון ווילדן וועלטפּאָזשאַר,
פֿון טרערנשטאָט
און רערן־סוד,
און איז נסימדיק אַרויס
נאָך געטרײַער
און נאָך פֿרײַער
און ווי אַ נגבֿ־יונג
אַ נײַער
זיך צעזונגען
איצט אין „פֿײַער".

ליבער פֿרײַנד
און ייִד געטרײַער,

זייט איר הײַנט
מיר טאָפּל טײַער!
פֿאַר די אַלטע אורגעשטאַלטן
אינעם חומש טיף באַהאַלטן,
פֿאַר די אייביקע אַמאָלן,
טרײַ דערזען און נײַ באַמאָלן
אין די גרינע ירדן־טאָלן.
און פֿאַר די סודותדיקע פֿלאַמען
נאָך ביז הײַנט דאָ ניט פֿאַרלאָשן,
און פֿאַר שדכענען צוזאַמען
אין שפּאָגל־נײַע הייסע גראַמען
לשון מיט לשון:
אַלטער ווײַן און מידבר־ריח.
גאָר אַ האַרציקן יישר כּוח!

שבֿט, תשי״ב

לייוויקן דעם בן־שבֿעים

אינעם שטאַם פֿון גוט געווײַלטע
הײַנט דער זעלטן אויסדערוויילטער,
צווישן אײדעלע געציילטע
הײַנט צום אײדלסט אויסגעטײלטער,
אויסגעוויילט צום פֿײַנסטן פֿילן
און צום אויסזינגען, צום שטילן.

וואָסער לייד ניט אויסגעליטן?
וואָסער שטרײַט ניט דורכגעשטריטן?
און התלהבֿותדיק געשטיגן
פֿון אַ ניגון צו אַ ניגון,
טרערן טרינקען פֿונעם קוואַל
און ביים חלום זײַן אַ שטראַל.

ניט שרײַבן הייליק, נײַערט זײַן,
ערלעך, לויטער, בלאָס פֿון פּײַן.
בײַם קראַנקן פֿרײַנד אין לאַזאַרעט,
בײַם מאַרטירער אַ שטאַפֿעט,
און בײַם פֿאַרבלאָנדזשעטן משיח
זײַן פֿאַרטײַטשער און פּאָעט.

זינגען ווי יסורים גליִען,
טרייסטן ווען קרבנות קניִען,
אין געוואָי פֿון חורבן־שטאָט
און אין געבוי פֿון אויפֿקום־סוד
זינגען האָפֿענונג און פֿרידן,
לײַטערן דאָס וואָרט בײַ ייִדן.

און צו אַלערליי מזבחות
טראָגן קינות, זאָגן איכהס
אין סיביר, אויף עשאַפֿאָטן,
און אין לאַגערן פֿון דראָטן.
מיט דער אומגעבראַכטער עדה
לויכטן העל אויף דער עקדה.

גלייבן, אַז אַ וואָרט פֿאַראייניקט,
אויב ס'איז עכט נאָר און גערייניקט.
און ווען עס זינקען אַלע שלעסער
זאָל דאָס וואָרט ערשט לויכטן בעסער,
אויסגעזונגען מיט געפֿיל
און אין ליד פֿאַרזיגלט שטיל.

אייביק-גלייביק צאַרט און גאַליק,
אויסגעפּיַניקט און העל-שטראַליק.
לאָמיר ווינטשן אים: לחיים!
ווינטשט אים, ליעסין, ווינטשט אים, ביאַליק.
רחמים דאַרף מען האָבן היַינט!
ענטפֿערט, לייענער און פֿריַינד,
ענטפֿערט טאַטעס, ברידער, זיידעס,
אַלע מיר, וואָס זענען עדות
פֿון ניו-יאָרק ביז ירושלים:
לחיים!

כו טבֿת, תשי״ט

אַ מזל־טובֿ

צו יעקבֿ זרובבֿל, דעם בן־שמונים

אַכציק? אַ געהויבענע און ערפֿאַרכטיקע צאָל,
אַ נס וואָס אין העברעיִש רופֿט מען עס: גבֿורות.
און איך געדענק דאָך, אַז גאָר נאָך ניט אַ מאָל,
נאָר טאַקע ערשט, אָט־אָט,
האָט פֿײַערדיק געפֿלאַמט אַ פּעכיק שוואַרצע באָרד
און פֿײַן האָט זיך געפֿורעמט אַ געשליפֿן וואָרט,
ווי עס פֿורעמט זיך נאָך הײַנט
פֿון מאָל צו מאָל.

בין איך שולדיק אים אַ ברכה און אַ דאַנק
נאָך פֿון דעם פֿרימאָרגן־טאָג אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק"
און פֿון שפּעטער אַ פּאָר יאָר, מיטן גלײַכן יונגן מוט,
אין ירושלימדיקן צימער פֿון „אַחדות" —
מיר געדענקען דאָך נאָך ביידע יענע צײַטן זייער גוט.

און דערנאָך — אַ לאַנגער, לאַנגער וועג
פֿון באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, און אָן אַ ברעג.
מיטאַנאַנדער, אויסאַנאַנדער און נאָך אַ מאָל בײַנאַנד,
האַנט בײַ האַנט און האַנט אין האַנט...

אַ וואָרטפֿירער, אַ פֿאָלקסטימלעך באַליבטער,
אַ באַגײַסטערטער און תּמיד אַ פֿאַרליבטער
אין דער אויסדערוויילטער שליחות,

קיניגט מען אויף מיטינגען מיט פֿײַער און מיט יִחוס.
אין רוזעלע אַ מאָל, בײַ ווילנע דער צעשטערטער,
אין שטעטעלעך אַרום, פֿאַרכמאַרעטע, פֿאַרטרערטע,
און שפּעטער — קאַרמעליצקע־גאַס, אין גאָרקיכער געמיינע,
מיט פּעקאַזשעס, און טראַגאַזשעס, אַלערליי אין איינעם,
פֿאַרגאַרטלטע איבער די לענדן מיט די שטריק,
און דערציילן זיי וועגן אַ נײַעם, ווײַטן גליק...
און וואָגלען אַזוי איבער ים און ימען,
ווי עס פֿאַרוואָלגערט זיך נאָר ערגעץ ווי
אַ ייִדישער זאָמען.

אומעטום אַ היימישער, אַ חבֿריש באַגערטער,
גרייט דערמאָנען אַלטע יאָרן
מיט טרוימען ווײַט פֿאַרקלערטע
און אַ גערעטעוועטע, אַלטע פֿאָן...
אַ מין וועלט־משולח אין פּראָלעטאַרישן פֿאַסאָן,
אַ פּראָלעטאַרישער, אַ ליטעראַרישער,
וואָס דערהייבט ביז צו העכסטער אָקטאַווע
סײַ דעם ערשטן מײַ
און סײַ דעם יום תּל־חי
און אַוודאי דעם געדענקטאָג פֿון פּאָלטאַווע.

אַ שפּרודלדיקער, יוגנטלעכער קוואַל,
אי דאָ, אי דאָרט, אי איבעראַל,

אַ רעדנער און אַ וועקער און אַ זייער
און אַ קאַפּיטל פֿון בארייִשאַס „גייער".

דורכגעטורנעוועט אַמעריקע פֿון עק ביז עק
און אַפֿריקע, אויסטראַליע, אַרגענטינע
און ווּ ס'איז נאָר פֿאַראַן אַ ייִד אין אַ מדינה —
ניט דורכגעלאָזן קיין שום פֿלעק.
און אַלע מאָל דער גלײַכער, קעמפֿערישער שפּאַן,
דער גלײַכער נוסח און דער גלײַכער מאַן,
ביז ס'האָט מלכותדיק צעשײַנט זיך ווײַס די באָרד,
ווי עס שטראַלט דער חרמון־שניי, אויף זײַן העכסטן אָרט...

ווייס איך גוט, אַז אַלץ וואָס ס'האָט זיך מיר צעגראַמט דאָ
איז נאָר כּאפּס וכאין
אַנטקעגן דעם, וואָס מוז געזאָגט ווערן אין אַ שטאַס־שעה
פֿון אַזאַ סאָרט יובילײ, אַזאַ ערפֿאָרכטיקן און נײַעם.
מוז איך ווידער בלײַבן בײַ דער חבֿרישער ברכה
און בײַ מײַן אַמאָליקער הבֿטחה:
אם ירצה השם, בײַ אַ נײַעם יובילײ
פֿאַרשענערן די מערכה.

ירושלים, ערבֿ פּסח תשכ"ו

ג

אָנאָ בכח *

שי ליקירי, לברוך צוקרמן, בהגיעו לגבורות

אָנאָ —
איך בעט דיך, מיטן כּוח פֿון דײַן רעכטן אָרעמס גרויסקייט,
קניפּ אָפּ די געבונדענע.

נעם־אויף דעם געזאַנג פֿון דײַן פֿאָלק,
דערהייב אונדז, פֿאַרכטיקער, און מאַך אונדז ריין.

אָ, מעכטיקער, די וואָס זוכן דײַן איינציקייט, —
ווי דעם שוואַרצאַפּל פֿון אויג, היט זיי אָפּ.

בענטש זיי, ריייניק זיי, לויט די רחמים פֿון דײַן גערעכטיקייט
באַלוין זיי שטענדיק.

* אָט דאָס אַלטע און סודותפֿולע תּפֿילה־ליד, וואָס ווערט צוגעשריבן צום תּנא נחוניא בן הקנה, דעם תּלמיד־חבֿר פֿון רבי יוחנן בן זכּאי, פֿלעגן מקובלים זיך נוהג זײַן צו זאָגן מיט גרויס כּוונה און שטילערהייט. אינעם העברעיִשן אָריגינאַל איז עס צוזאַמענגעשטעלט פֿון זיבן שורות, צו זעקס ווערטער אין יעדער שורה, וואָס זייערע ראשי תּיבֿות, וואָס ווערן געדרוקט ווי אַ באַזונדערע אומפֿאַרשטענדלעכע תּפֿילה בײַ דער זײַט פֿון ליד, מאַכן אויס צוזאַמען מיט זייער נקוד, הייליקע שמות (זע דעם לאַנגן פּירוש אין חמדת הימים פרק ב׳, סוד העומר, עמ׳ מ־מח) און די אַלע ראשי תּיבֿות פֿון די זיבן שורות צוזאַמען, שטעלן צונויף דעם שם המפֿורש פֿון מ״ב אותיות, און זיי שליסן זיך מיטן צווייטן פּסוק פֿון קריאת שמע וואָס לויבט די הייליקייט פֿון גאָטס נאָמען. אָט די אַלע סודות לאָזן זיך ניט איבערזעצן אין אַן אַנדער שפּראַך. אָבער חוץ פֿון אַלע רמזים, פֿאַרמאָגט אָט דאָס תּפֿילה־ליד אויך אַ געהויבענעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן, ליִרישן פּשט, וואָס וואָלט זיך אין ייִדיש געלייענט בערך אַזוי ווי אויבן.

געפּעסטיקטער, הייליקער מיט דער שפּע פון דײַן גוטס
פיר דײַן געמיינשאַפט.

איינציקער, שטאָלץ פון דײַן פאָלק, גיב זיך אַ ווענד
צו די, וואָס געדענקען דײַן הייליקייט.

אונדזער יאָמער פאַרנעם, און דערהער אונדזער געשריי,
קענער פון געהיימענישן.

געלויבט זאָל זײַן דער נאָמען פון דײַן קיניגרײַכס כּבוד, —
אויף אייביק עולמות.

ירושלים, כ״ח אייר תשכ״ז

ידיד נפש *

לידידי, לאהרן צייטלין נ״י,
בן הקדוש ר׳ הלל ז״ל, הי״ד —
לשיבה טובה!

ידיד נפש, דערבאַרעמדיקער פֿאָטער,
גיב אַ צי דײַן קנעכט צו דײַן פֿאַרלאַנג,
וועט לויפֿן דײַן קנעכט אַזוי ווי אַן הינד
צו בוקן זיך פֿאַר דײַן הערלעכקייט,
וועט אים געשמאַקער זײַן דײַן ליבלעכקייט
פֿאַרן זאַפֿטיקסטן געטראַנק און פֿאַר יעטוועדער זיסיקייט.

הערלעכער, פּראַכטיקער, גלאַנץ פֿון דער וועלט,
מײַן נשמה איז קראַנק פֿון ליבשאַפֿט צו דיר.
אָנאָ, מײַן גאָט, שיק היילונג צו איר,
באַווײַזנדיק איר די גנאָד פֿון דײַן שײַן,
וועט זי ווערן געזונט און ווערן געשטאַרקט
און וועט געניסן די פֿרייד פֿון אייביקייט.

ווויל געטרײַער, וועק אויף דײַן רחמנות
און דערבאַרעם זיך איבער דײַן געליבט קינד,

* פֿאַרפֿאַסט פֿונעם מקובל ר׳ אליעזר אזכּרי וואָס האָט געלעבט אין צפֿת אין 17טן יאָרהונדערט, אַ תּלמיד תּלמידס פֿון ר׳ יוסף קאַרו, דעם בעל שולחן ערוך, און אַ מקורב צו אַר״י הקדוש. אין אַ סך קהילות ווערט עס געזונגען ערבֿ שבת פֿאַר לכו נרננה און צו שלש סעודות.

ווײַל שוין זייער לאַנג ווי איך בענק אַלץ און בענק
צו דערזען די פּראַכט פֿון דײַן מאַכטיקייט.
גאָט דו מײַנער, גלוסטונג פֿון מײַן האַרץ,*
דערבאַרעם זיך און טו אָפּ דײַן פֿאַרבאָרגנקייט.

הייב אויף דײַן שלייער און שפּרייט אויס, געליבטער,
איבער מיר די חופּה פֿון דײַן פֿרידן,
באַלויכט דאָס לאַנד מיט דײַן הייליקייט,
וועלן מיר זיך פֿרייען און יובֿלען מיט דיר;
באַאײַל זיך, פֿרײַנד, ווײַל ס'איז שוין די ריכטיקע שעה
און זײַ גנאָדיק צו אונדז ווי אין אַמאָליקער צײַט.

ירושלים, תשכ"ט

* אָט די שורה, וואָס איז אַ ביסל אומפֿאַרשטענדלעך אין אונדזערע סידורים, איז דאָ איבערגעזעצט לויטן האַנטשריפֿטלעכן נוסח וואָס געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון בית המדרש לרבנים אין ניו־יאָרק און איז קאָפּירט געוואָרן פֿון פּראָפֿ' מאיר בניהו, דעם אָנפֿירער פֿון מכון בן־צבֿי אין ירושלים.

לויט אַ קאַפּיטל תהלים (ק״י)

האָט דוד געזונגען גאָטס רייד
צו מײַן האַר:

זעץ זיך צו מײַן רעכטער זײַט
ביז כ׳וועל מאַכן דײַנע פֿײַנד
אַן אָנשפּאַר פֿאַר דײַנע פֿיס.

דעם שטאַב פֿון דײַן שטאַרקייט
וועט גאָט אַרויסשיקן פֿון ציון,
געוועלטיקן צווישן דײַנע פֿײַנד.

דײַן פֿאָלק וועט זײַן גנאָדיק
אין טאָג פֿון דײַן מאַכט,
ווי אין די הייליקע בערג,
אין פֿרימאָרגן פֿון דײַן געבורט,
ווי אינעם טוי פֿון דײַן קינדהייט.

גאָט האָט געשוואָרן,
וועט ער קיין חרטה ניט האָבן:
„דו ביסט כּהן אויף אייביק.
איך שווער בײַ מײַן וואָרט:
מײַן קעניג פֿון גערעכטיקייט״.

גאָט בײַ דײַן רעכטער האַנט,
האָט פֿאַרטיליקט מלכים
אין טאָג פֿון זײַן צאָרן.

פֿאַרפֿירט ער אַ מישפּט איבער פֿעלקער,
וועט ווערן פֿול מיט געפֿאַלענע,
ביז ער האָט אומגעבראַכט
דעם הויפּט
איבער דער גרויסער וועלט.

אונטערוועגנס וועט ער טרינקען
פֿון קוואַליקן טײַך,
דערפֿאַר וועט ער הויך
דערהייבן דעם קאָפּ.

א׳ מנחם אב, תש״ל

אינהאַלט

א

[7] * (פּינקלט רויט אויף ווײַס און בלוי)
[8] אין שליחות
[13] אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון פּליטים
[15] אין די לאַגערן פֿון שוועדן
[25] רבונו של עולם, ניט קוק אויף מײַן צלם...
[28] שמחנו...
[29] דער נײַער מאַראַנען־סדר
[31] * (בין איך געגאַנגען)
[32] * (זיץ איך אין געזעמל)
[33] אין די סיני־טעג
[34] פֿאַר נאַכט אין ירושלים
[35] אין שבֿי ציון
[36] אַ שעה פֿון רו
[37] פֿאַרשטערטער יום־טובֿ
[38] אין טאָל פֿון הימאַלײַ
[39] * (יאָגט זיך מײַן פֿרײַנד)
[40] ייִדישע אויגן
[42] צווישן מאָסקווע און ירושלים
[44] פֿאָטער פֿון ישׂראל

ב

[47] צו אַ פֿרײַנד
[49] לייוויקן דעם בן־שבֿעים
[52] אַ מזל־טובֿ

ג

[57] אָנאָ בכח
[59] ידיד נפש
[61] לויט אַ קאַפּיטל תּהלים (ק״י)